# מאמר התחזקות:

**א רייכע אוצר פון הלכה און חיזוק אויף שמירת עינים**



געשריבן לויטן תוכן הספר
**שמירת עינים כהלכה**
וואס וועט בס"ד
ארויסגעגעבן ווערן דורך
**הוצאות טהור עינים**

שנה ד' גליון נ' | ויק"פ-ויקרא תש"פ


**געוואלדיגע מאמר!**

## טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב!

# די זיסקייט פון א לעבן מיט שמירת עינים (ב')

## היטן די אויגן ברענגט צופרידנהייט און שמחת החיים

*מיר זענען ווייטער ממשיך מיט'ן מאמר "טעמו וראו כי טוב", ווי די ספרים הק' שרייבן אז שמירת עינים איז נישט קיין עול וואס דער רבש"ע האט אויף אונז ארויפגעלייגט, נאר פארקערט, ס'איז א געוואלדיגע טובה פאר'ן מענטש אפילו בגשמיות, וויבאלד דאס איז א שליסל צו א פרייליך און צופרידן לעבן.*

*"עשה האלקים את האדם ישר" - א מענטש ווערט געבוירן גראד און נאטירליך, און דאס ברענגט אים צו האבן א רואיג לעבן, פול מיט שמחה און צופרידנהייט. "והמה ביקשו חשבונות רבים" - אויב קאנטראלירט מען נישט די אויגן, מען זוכט פרעמדע גליקן, דאן ווערט מען אן אומצופרידענער מענטש, ס'דוּבּט צו דעם מענטש'נס מנוחה. די תאוות פירן נישט אין ערגעץ, פארקערט, ס'מאכט בלויז אומגליקליך דעם מענטש.*

***

## זיי אליין בעל הבית אויף דיר

דעם ענין געפינען מיר אסאך אין אלע ספרי קודש, אז איינער וואס גייט נאך זיינע תאוות ווערט ער ממש א קנעכט דערצו, ס'מאכט אים אינגאנצן צורודערט, און ער פארמאגט נישט קיין מנוחה און זעלבסטשטענדיקייט. ווי די משנה אין **אבות** (פ"ו מ"ב) זאגט, "אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה" - א בן חורין, א פרייער מענטש, איז אזא איינער וואס לערנט און פירט זיך על פי תורה, און קיין שעבודים צו זיינע תאוות, דאס איז דער ריכטיגער חירות.[א]

אזוי שרייבט דער **אלשיך הק'** (קהלת י, טז):[ב]

**איינער וואס איז משועבד צו זיין יצר הרע, ווערט ער פארערכנט ווי א קנעכט, ער איז אן עבד פאר'ן יצר הרע. אבער איינער וואס איז משועבד צו זיין יצר טוב און טוט שטענדיג וואס ער הייסט, ער איז נישט קיין קנעכט, ער איז א פרייער מענטש, ווייל ס'איז נישט פארהאן נאך אזא פרייער מענטש ווי איינער וואס לערנט און איז מקיים די מצוות התורה.**

און דאס איז נישט נאר אין רוחניות, נאר אפילו בגשמיות, צו זיין פריי דא אויף דער וועלט. ווי דער הייליגער **רמב"ם** שרייבט אין א בריוו צו זיין זון:[ג] "דער שיעבוד פונעם גוף צום נפש איז א חירות, סיי אויף **דער וועלט** און סיי אויף **יענער וועלט**".

ביי שמירת עינים זעט מען דאס זייער שטארק, אז דער וואס היט זיך די אויגן איז פשוט א פרייער מענטש, פריי פון אלע אומצופרידנקייטן, **ער פירט זיין** לעבן און נישט זיינע תאוות פירן אים. אבער דער וואס היט נישט זיינע אויגן, ער ווערט קאנטראלירט דורך זיינע תאוות, יעדער מינוט ציט אים עפעס אנדערש צו קוקן און זען, ער איז בכלל נישט בעל הבית אויף זיך זעלבסט.

**זכות הוצאות הגליון**
נתנדב ע"י
מוה"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים
ולע"נ הרה"ק רבי **אלימלך** בן הרה"ק ר' **אליעזר ליפמאן** זצוק"ל בעל נועם אלימלך - כ"א אדר

## למען תספר:

### שמירת עינים אויפ'ן קראנקן-בעט

אויב פאר אן ערליכן, אפגעהיטענעם איד, וואס איז אויפגעוואוקסן אין א היימישער סביבה, אפגעזונדערט פון דער גאס, גנב'עט זיך צומאל אריין א מחשבה'לע אז ער דערלייגט עפעס פון עולם הזה דורך שמירת עינים, דארף ער נישט מער ווי הערן פון עמיצן וואס "קומט פון דארט". איינער וואס האט שוין טועם געווען די ביטערע גראזן אויף דער אנדערער זייט צוים, ער האט מיטגעהאלטן די אלע איבלען פון דער נאנט, און אנערקענט וואו דער "עולם הזה" געפינט זיך באמת.

פאלגנד איז איז א מעשה פארציילט דורך הרה"ג ר' אבא חייא טויבער שליט"א, וועלכער האט פערזענליך געקענט דעם בעל המעשה און מיטגעהאלטן דאס גאנצע געשעעניש:

מיט יארן צוריק האט געוואוינט אין מאנסי א בעל תשובה, א געוואזענער פרייער איד וועלכער איז נתקרב געווארן צו אידישקייט. די ווייב פון דעם איד האט ליידער נישט געוואלט מיטהאלטן מיט אים, און בלית ברירה האבן זיי זיך געמוזט צושיידן.

דער איד, וואס האט געהאט א שטיקל פארמעגן, האט זיך געטראפן אין געריכט מיט זיין געוועזענער ווייב איבער ווער ס'זאל האבן דאס רעכט אויף די קינדער. ס'איז געווען א לאנג פארצויגענע געריכט וועלכע האט אים אפגעקאסט גאר גרויסע געלטער, אבער ער האט עס צום סוף דערלייגט, איבערבלייבנדיג בעירום ובחוסר כל פון די גרויסע לעגאלע קאסטן.

פון א געוועזענעם עושר מיט א ווייב און קינדער, איז געבליבן אן עלנדער מענטש, אן קיין משפחה און אן קיין געלט. אבער אין זאך האט דער איד 'א געהאט, און טאקע גאר אסאך: א פעלזנפעסטע אמונה אינעם אויבערשטן. ער איז אנגעגאנגען מיט זיין לעבן מיט א שטארקייט, געדינט דעם בורא כל עולמים, געלערנט פלייסיג, און צו דער זייט האט ער געהאט א שטיקל פרנסה פון וואס ער האט געהאט צום לעבן.

המשך אויף זייט 2

## למען תספר:

המשך פון זייט 1

אין א טאג האט דער איד געשפירט אז עפעס טויג נישט מיט זיינע פיס, זיי טראגן אים נישט ווי געהעריג. ער איז זיך געגאנגען אונטערזוכן ביים דאקטער, און יענער האט נישט געקענט מער ווי באשטעטיגן אז ער ליידט אויף א שווערער מחלה ל"ע, וואו די נערוון פונעם קערפער שטארבן צוביסלעך אפ ביז מ'פאלט אריין אין א קאומע רח"ל.

דער איד האט זיך ווייטער מחזק געווען מיט אמונה און בטחון און אנגעגאנגען מיט זיין סדר היום, אבער זיינע נערוון האבן צוביסלעך אויפגעהערט פונקציאנירן, און מ'האט אים געמוזט אריינפירן אין שפיטאל וואו ער איז אפגעליגן א לאנגער צייט. מיט יעדן פארבייגייענדן טאג איז זיין מצב געווארן שווערער, ביז ער האט שוין ממש נישט געקענט רירן קיין שום אבר אויסער ווינקען מיט די אויגן, טראצדעם וואס ער דער גאנצער צייט געווען ביים קלארן דעת.

די שפיטאל איינגעשטעלטע זעענדיג ווי ער ליגט אין בעט און קען זיך נישט רירן, האבן אים געוואלט אנצינדן די טעלעוויזיע אין זיין צימער, ער זאל כאטש האבן וואס צו טון דורכ'ן טאג. אבער ער האט זיי געווינקען אז ער איז בשום אופן נישט מסכים, ער וויל נישט זען די כלי. זיי האבן אים כסדר פרובירט איבערצורעדן אז ער ליגט דאך אזוי על ערש דוי און קען גארנישט טון, זאל ער כאטש האבן אויף וואס צו קוקן, אבער ער מיט אן עקשנות האט נישט געוואלט הערן דערפון, אפילו אינעם שווערן מצב וואס ער האט זיך געפינען.

איך פלעג מיך כסדר אינטערעסירן איבער אים וואס זיין מצב איז, און איך האב אלץ געהערט די זעלבע זאך, אז ער קען נעבעך גארנישט טון במשכ'ן טאג, וויבאלד ער האלט זיך שטארק און וויל נישט בשום אופן מ'זאל אים אנצינדן די טעלעוויזיע.

דער צושטאנד פון דעם איד האט זיך פארערגערט, ביז זיין קאפ האט שוין אויך אויפגעהערט ארבעטן געהעריג, און ער איז מער נישט געווען ביים קלארן דעת. וויבאלד ער האט זיך מער נישט געקענט קעגנשטעלן, האבן די איינגעשטעלטע באשלאסן אנצוצינדן די כלי, אבער יענער נאכט איז ער אריינגעפאלן אין א קאומע.

וואס מ'קען זיך לערנען פון דער מעשה איז צוויי זאכן: ערשטנס, די מורא'דיגע שטארקייט פון דעם בעל תשובה, ווי טראצדעם וואס ער האט זיך געפינען אין די שווערסטע מצבים, האט ער זיך געהאלטן פעסט און נישט געוואלט נכשל ווערן מיט'ן זען אומאויסגעהאלטענע זאכן.

צווייטנס, ווי דער איד האט געטון וואס ער האט געקענט מצידו, און ווען ער האט מער נישט געקענט, האט מען אים פון הימל געהיטן און צוגעפירט אז ער זאל נישט נכשל ווערן.

זאל די מעשה און דער זכות פון התחזקות אין שמירת עינים דורכדעם זיין לעילוי נשמת דעם טייערן איד, תנצב"ה.

ס'איז פשוט א שאנדע פאר'ן מענטש אליין ווען ער טראכט אריין ווער ס'זענען זיינע בעלי בתים, פון וועמען ער ווערט געפירט. אלעס ארום אים האט דאס בעלות און געוועלטיגט אויף אים, ער האט זיך נעבעך נישט אין דער האנט. ס'איז כאילו זיינע אויגן פארמאגן אויף זיך א לאנגען שטריק און יד הכל ממשמשין בו, ווער ס'וויל, יעדער לויזיגער, קען דאס ציען צו זיין זייט... איז דען דא א גרעסערן בזיון פון דעם?[ד]

## וועלכע געשעפט לוינט דיר?

אצינד דארף זיך א מענטש גוט מתבונן זיין, און מאכן דעם ריכטיגן חשבון וועלכע געשעפט ס'לוינט אים בעסער. פון איין זייט, אויב קאנטראלירט ער זיינע אויגן זיי נישט אנצוזאפן מיט אלע אומזויבערע זאכן, איז ער פשוט א נארמאלער, פרייער מענטש, ער האט א געזונט נפש, און ער פארמאגט אן אינערליכער זאטקייט. און אז ער איז פריי, ער לעבט נאטירליך, האט ער די מעגליכקייט אנצופילן זיין הארץ און מח מיט תורה ותפילה, אמונה ובטחון, שמחה, שלום ושלוה, מדות טובות, און אזוי אויך זיינע גשמיות'דיגע, טאג טעגליכע געברויכן. זיין לעבן איז א לעבן - ווי שיין און לויטער איז דאס!

פון דער אנדערער זייט, ווי לעכערליך איז צו פארטוישן דאס אלעס און עס אויפגעבן צו אן אומ'מיושב'דיג לעבן, קאליע מאכן דאס הארץ און דעם מח דורכ'ן זיי אנפילן מיט הבלים, און ווערן אינגאנצן צומישט און צוטומלט. ס'איז אן קיין צווייפל א שלעכט געשעפט, בגשמיות וברוחניות.

## מכאן ואילך יערב לכם

פארשטייט זיך אז אויף דער מינוט, בשעת דער נסיון ברענט, שפירט נישט דער מענטש ווי ער וועט עפעס עררייכן דורכ'ן זיך צוריקהאלטן פון קוקן, ער זעט נישט ווי דאס וועט מאכן צופרידן. אבער במשך הימים, ווען ער געוואוינט זיך איין צו לעבן מיט איינגעהאלטענע אויגן און קוקן נאר וואס מ'מעג, וועט זיך צוביסלעך ארויסשטעלן די געוואלדיגע אויפטו און פארדינסט וואס ער איז מרויח פון שמירת עינים. זיין נפש וועט זיין רואיג, זיין הארץ און מח וועלן ליגן אויף זייער ריכטיגן פלאץ, און ער וועט זיין פריי פון די גלוסטעניש וואס ענדיגן זיך קיינמאל נישט.

מיט א ריכטיגן בליק קען מען דאס זען בחוש, ווי איינער וואס לעבט מיט שמירת עינים און ער רייצט נישט נאכאנאנד אויף זיין נפש המתאוה, פארמאגט א צופרידן און מיושב'דיג לעבן. ער איז עוסק אין תורה ותפלה און פארנעמט זיך מיט זיינע גשמיות'דיגע צרכים מיט א ריין הארץ - ער דארף נישט מער, ס'איז אים גוט.

ווידער אזא איינער וואס לאזט זיינע אויגן לויז חלילה, ער קוקט כסדר ארום און זיין מח ווירבלט מיט אלע ראיות וואס ער זעט זיך אן, דער לעבט אין א וועלט פון אומצופרידנהייט, זיין הארץ איז פארנומען און ציט צו זאכן וואס געהערן נישט צו אים. ער שפירט

## געדענקען דעם געשמאק פון שמירת עינים!

דער גרויסער גאון ופוסק **בעל שבט הלוי זצ"ל** האט אמאל געזאגט רעדנדיג פון שמירת עינים:

**"א מענטש דארף זיך נאר דערמאנען די זיסקייט און לויטערקייט וואס ער האט געשפירט בשעת ער האט אמאל געהיטן זיינע אויגן און זיין הארץ ווי ס'דארף צו זיין, און דאס וועט אים געבן דעם כח זיך מחזק צו זיין אין צייט פון א נסיון!"**

**מלחמת קודש** דף רכג ששמע מפיו

### מקורות והוספות

**א]** זה לשון **המאירי** בביאור משנה זו: "שאין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה, מפני שנפשו אינה משועבדת לתאוות הגופניות, וזהו החירות האמיתית". ועיין **באבן עזרא** (במדבר ו' ז'): "דע כי כל בני אדם עבדי תאוות העולם, והמלך האמיתי שיש לו נזר ועטרת מלכות בראשו, [הוא] כל מי שהוא חפשי מן התאוות".

**ב]** זה לשון **האלשיך**: "ידוע כי אשר ישתעבד ליצרו הרע יקרא משועבד, כמשרת ועבד לו. אך אשר ישתעבד ליצרו הטוב, ועושה רצונו תמיד, הוא יקרא בן חורין, ולא משועבד, כי אין לך בן חורין כעוסק בתורה ומצוות, כי העושה רצון יצרו הטוב עושה רצון קונו, והאדם הוא חלקו - נמצא עבד לעצמו, והוא גדר החרות בעצם".

**ג] רמב"ם**: "שעבדו החומר לשכל, כלומר הגוף לנפש, כי שיעבודו הוא חירותכם **בזה ובבא**".

**ד]** עיין **ביפה תואר** (בר"ר נ' ח'): "גנאי ישיג החוטא בהשתעבדו ליצרו ותאותו הפחותה, במה ישתעבד לה שכלו אשר לו המלוכה... היפך הצדיק שהוא בן חורין".

נישט זאט מיט'ן חלק וואס דער רבש"ע האט אים צוגעטיילט, אפילו ער האט פון אלעם גוטן.

***

## שמירת עינים; א מתנה טובה!

היוצא לנו מכל זה: די מצוה פון "ולא תתורו אחרי עיניכם" איז א מתנה טובה וואס דער גוטער באשעפער האט אונז געשאנקען, וואס חוץ דעם רוחניות'דיגן תועלת וואס א איד איז קונה דורך דעם, איז דאס אויך אן עצה עמוקה אים צו ברענגען צו זיין צופרידן און בשמחה, ווייל דאס נאכלויפן די פוסטע תאוות היצר איז 'מים שאין להם סוף', ס'מאכט דעם מענטש אומגליקליך, און פירט אים צו א אומרואיגן צומישטן לעבן.

דער יצר הרע זוכט צו פארדעקן דעם ליכטיגן אוצר און אושר האמיתי וואס ליגט באהאלטן אין שמירת עינים, ער פרובירט דאס אראפצומאלן ווי א צמצום און פארמאכטקייט, כאילו אויף דער אנדערער זייט צוים געפינט זיך עפעס "עולם הזה" וואס דער מענטש קען מרויח זיין דערפון. א איד דארף זיך אבער קלאר מאכן אז דאס אלעס איז א בלויזער דמיון, דער גליקליכסטער מענטש איז דער וואס פירט זיך אפגעהיטן און ערליך און לויפט נישט נאך די אלע זינלאזע הבלים.

און אז מען געדענקט דאס, העלפט דאס גאר שטארק זיך צו קענען מתגבר זיין און מאכן דעם ריכטיגן באשלוס: יא, איך וויל לעבן מיט אפגעהיטענע אויגן, שמירת עינים איז אויך פאר מיר. ס'איז פשוט פאר מיין טובה, בגשמיות וברוחניות!


## קויפט זכותים!

**זכות הוצאות הגליון**
**$1,200**
~
**זכותי הצפת הגליון:**

**זכות 5,000 גליונות - $500**
~
זכות 4,000 גליונות - $400
זכות 3,000 גליונות - $300
זכות 2,000 גליונות - $200
זכות 1,000 גליונות - $100
~
מיט דעם העלפט איר פארשפרייטן ביי כלל ישראל העכער **50,000 גליונות** אויף שמירת עינים!

צו מנדב זיין רופט
**"הוצאות טהור עינים"**

**802.327.3592**


## למען תספר:

# ורוממתנו מכל הלשונות - אויך דער בעלגישער פרעזידענט פארשטייט

פארשטייט זיך אז ס'איז פאר אונז גענוג וואס די ספרים הק' זאגן אונז אז די תורה איז א קוואל פון לעבן אויך בגשמיות, אבער היינט צוטאגס דריקן זיך אויך פילע גוי'אישע מומחים אויס קעגן דעם אוממאראלישן לעבנס-שטייגער און דער זינדיגער וועלט אין וועלכער מיר לעבן. זיי רעדן זיך אפ אז דאס הפקרות און פריצות האבן גענצליך צובראכן דאס פאמיליע לעבן, און ברענגען מיט זיך אן א שיעור פראבלעמען **בגשמיות.**

*

עס דערציילט א חשוב'ער **מורה הוראה שליט"א** פון בעלגיע:

איך לערן פאר א טעגליכן שיעור אין הלכה, וואו ס'באטייליגן זיך אסאך אידן פון פארשידענע קרייזן. אין א געוויסער תקופה האב איך איבערגעהאקט מיין סדר הלימוד וואו איך האב געהאלטן, און איך האב אנגעהויבן פארלערנען די הלכות פון התרחקות מנשים און אלעס ארום. ישראל קדושים הם, ס'איז מערקווירדיג געווען די מורא'דיגע אינטערעסע וואס דער עולם האט ארויסגעוויזן, שלינגענדיג מיט דארשט די הלכות וועלכע זענען אקטועל טאג טעגליך, בפרט אין דער ביזנעס וועלט.

איין טאג נאכ'ן שיעור קומט צו צו מיר איינער פון די טעגליכע משתתפים, א ליובאוויטשער חסיד, און ער דערציילט מיר אן אינטערעסאנטן עפיזאד וואס האט פאסירט מיט אים אליין, וואו ער האט געזען אז אפילו א גוי ווייסט צו שעצן דאס אנשטענדיגע לעבן און מאראלישע פרינציפן מיט וועלכע מיר אידן פירן זיך.

מיט א צייט צוריק, פארציילט ער, איז אויסגעקומען פאר אים און זיי פרוי זיך צו דארפן טרעפן מיט'ן בעלגישן פרעזידענט. די באגעגעניש האט געזאלט פארקומען אין דער עפנטליכקייט פארנט פון פילע פארזאמלטע, און בנוסף האט זיך יענער תקופה שטארק געקאכט אין לאנד פאליטיש ארום דעם פרעזידענט'ס פאזיציע, וואס דאס האט צוגעברענגט אז צענדליגע רעפארטער זענען נאכגעלאפן דעם פרעזידענט מיט ווידעא קאמערעס אויף טריט און שריט, ווי דער סדר אין אזעלכע צייטן.

דאס אלעס האט אים גורם געווען א שטיקל זארג, וואס וועט זיין בשעת דער באגעגעניש ווען דער פרעזידענט וועט, ווי ס'איז איינגעפירט, אויסשטרעקן זיין האנט צו רייכן זיין פרוי. האט ער דעריבער איינגעמאלדן פון פאראויס די אינסטאנצן אז ביי אידן איז נישט ערלויבט פאר א פרוי צו געבן די האנט פאר א פרעמדן מאן, און זיי האבן אים פארזיכערט אז ס'איז נישט קיין פראבלעם, דער פרעזידענט וועט רייכן בלויז זיין האנט.

למעשה אבער, טראץ דער פארשפרעכונג, איז געקומען זייער באגעגעניש, און דער פרעזידענט האט אויסגעשטרעקט זיין האנט אויך צו זיין פרוי. זי האט זיך אבער נישט פארלוירן, נאר זיך אנטשולדיגט אז זי קען נישט צוריקרייכן, זאגנדיג אז ביי אידן גיבט א פרוי די האנט בלויז פאר נאנטער משפחה.

צו אלעמענ'ס וואונדער האט זיך דער פרעזידענט אויסגעדרייט מיט א שמייכל צו די באגלייטער און קאמערעס, זיך אנרופנדיג מיט שעצונג: **"אויב וואלטן מיר זיך דאס אויסגעלערנט פון די אידן, וואלטן געווען ביי אונז אסאך ווייניגער פראבלעמען!"**

## מכתבים למערכת:

>>> המשך פון זייט 4

הערנדיג ווער ס'רופט, זאגט מיר דער יונגערמאן, "ר' אליהו, איך מוז אייך עפעס פארציילן:

"איך בין געווען א פיינער בחור אין ישיבה, דערנאך בין איך געווען א יונגערמאן אין כולל, און פארשטייט זיך איך פלעג שטענדיג היטן מיינע אויגן. ווען איך האב געדארפט ארויסגיין זוכן פרנסה, האב איך אנגעהויבן דרייוון אלס קאר סערוויס, איך בין ארומגעפארן איבער די גאסן א גאנצן טאג, און ס'איז מיר אנגעקומען מורא'דיג שווער צו האבן שמירת עינים. וויפיל איך האב פרובירט, בין איך אלץ דורכגעפאלן נאכאמאל און נאכאמאל, ביז ס'איז געקומען צו א מצב ווי איך האב פשוט אויפגעגעבן. איך האב באשלאסן אז שמירת עינים איז נישט געמאכט פאר מיר, ס'איז צו שווער. אזוי האלט עס שוין אן א שיינע פאר יאר וואס ליידער פרוביר איך אפילו נישט אכטונג צו געבן וואו איך קוק.

"פארנדיג מיט אייך פריער אין קאר, האט איר מיר נאכגעזאגט דאס ווארט אז ס'לוינט זיך צו לעבן זיבעציג יאר נאר פאר איין ראיה ווייניגער, און דאס איז מיר אריין אין קאפ. פון דעמאלטס ביז יעצט פאר איך שוין ארום דא אין בני ברק עטליכע שעה, און יעדעס מאל ס'איז מיר עפעס אונטערגעקומען צו זען, האב איך געטראכט צו מיר, 'איין ראיה ווייניגער' - דאס גאנצע זיין דא אויף דער וועלט איז דאך כדאי נאר וועגן דעם. און פון די אלע איינצלנע ראיות, פאר איך שוין ארום עטליכע שעה מיט אפגעהיטענע אויגן!"

דאס איז געווען מיט דעם יונגערמאן. אין אן אנדערער געלעגנהייט האב איך נאכגעזאגט דאס אויבנדערמאנטע ווארט פאר א צווייטן איד, און אין א טאג באקום איך פון אים א טעלעפאן רוף. ער איז שוין דריי שעה אין לופטפעלד מיט שמירת עינים; ער טראכט צו זיך כסדר "איין ראיה ווייניגער", און אזוי ציט זיך שוין דריי שעה!

(-)

## א שלאנג!

איך טו פאר פרנסה אין ריעל עסטעיט, איך בין א בראוקער אויף הייזער וואס שטייען צום פארקויפן. איין טאג בין איך געגאנגען באטראכטן א הויז און נעמען דערפון א בילד. איך האב דעמאלטס געהאט געקויפט א נייעם סעלפאן, און איך בין נאכנישט אנגעקומען צו לייגן דערויף א פילטער.

הינטער דער הויז איז דא א גרויסער גארטן, און ביים עק געפינט זיך א וועלדל. ווילנדיג כאפן א הינטערשטע בילד פון דער הויז וואו מ'זאל גוט זען די גאנצע הויז, האב איך מיך דערווייטערט אזוי ביז'ן וועלדל. האלטנדיג אין האנט מיין אומגעפילטערטן סעלפאן, איז מיר דורכגעלאפן א געדאנק, "ווער ווייסט צי ס'קען נישט פלוצלינג ארויסקומען פון דא א שלאנג, ס'שטייט דאך 'ופורץ גדר..." אזוי ווי איך ענדיג די מחשבה, זע איך פלוצלינג אויף דער ערד ---א שלאנג!

איך בין אויפגעשפרינגען פון פלאץ, איך בין אנטלאפן פון דארט, און גלייך געגאנגען לייגן א פילטער. איך האב באקומען דעם רמז.

**מפי בעל המעשה**

# מכתבים למערכת:
לערנבארע מעשיות און אייגענע ערפארונג
איבערגעגעבן דורך די חשוב'ע ליינער פונעם גליון

## אן אמת'ער שונא בצע
לעצטנס איז געווארן אויסגעשמועסט אין עטליכע בריוון דער געדאנק, אז א מענטש דארף זיך אויפבויען ס'זאל אים באמת נישט אינטערעסירן וואס ס'טוט זיך ארום, נישט מ'זאל זיך דארפן כסדר שלאגן און מלחמה האלטן נישט צו קוקן.

איך האב געטראפן דערצו א מקור, אין **אור החיים הק'** פרשת יתרו (שמות יח, כא) אויף דעם וואס יתרו האט געזאגט פאר משה רבינו ער זאל זוכן "שונאי בצע", אזעלכע וואס האבן פיינט געלט. שרייבט ער אויף דעם: "**דקדק לומר 'שונאי', פירוש כי יהיה להם הדבר שנאוי, לא שיצטרכו להרחיק תאוותם, כי לאלה יש חשד שינוצחו מהרשע המפתה**". ד"ה ס'פעלט זיך אויס אז די דיינים זאלן באמת ביי זיך אין הארצן פיינט האבן געלט, ווייל אויב זיי האבן עס עכט ליב נאר זיי שלאגן זיך מיט זייער נאטור, דעמאלסט איז שוין נישט אלעמאל זיכער אז זיי וועלן זיך טאקע מתגבר זיין.

(-)

## גירסא דינקותא
לכבוד די חשוב'ע ארויסגעבער פונעם גליון אויף שמירת עינים.

צום ערשט א דאנק אויף אייער ארבעט, עס טוט אויף אסאך אויף מיר פערזענליך. איך וויל מיטיילן אן קליינעם עפיזאד בנוגע דער נושא פון רעדן צו קינדער איבער שמירת עינים.

ווען איך בין געווען א קינד, בין איך געווען מיט מיין משפחה אין קעמפ פון דער ישיבה וואו מיין טאטע האט געדינט אלס מגיד שיעור. אמאל האט פאסירט אז א בחור האט געדארפט אריינפארן אין שפיטאל, און מיין טאטע איז מיטגעפארן מיט אים. צוריקקומענדיג האט מיין טאטע שטארק אויסגעלויבט דעם בחור פאר מיר, ארויסברענגענדיג מיט התפעלות ווי דער בחור האט נישט אויפגעהויבן זיינע אויגן צו קוקן אויף די קראנקן-שוועסטער אין שפיטאל.

די ווערטער פון מיין טאטע זענען מיר שטארק אריין אין די ביינער, און איינגעקלייבט אין מיר א חשק צו היטן די אויגן, עד כדי כך אז איך קען זאגן אז מיין שמירת עינים היינט צוטאגס איז דאס צו פארדאנקען.

פון דעם קען מען זען דעם געוואלדיגן תועלת וואס ס'איז דא צו רעדן צו קינדער וועגן דעם, און משבח זיין פאר זיי די שמירת עינים - און בכלל הנהגות טובות - פון אנדערע.

(-)

## וואס לערנט אונז דער "קאראנע ווירוס"?
שטייענדיג אין א תקופה ווען די וועלט קערט זיך איבער ארום דעם קאראנע-ווירוס, האב איך געקלערט א פאסיגן לימוד וואס קומט ארויס דערפון, בקשר מיט אייער יעצטיגן מאמר "טעמו וראו כי טוב" (ח"א), וואו איר ברענגט פון די ספרים הק' אז אלע מצוות התורה זענען געגעבן געווארן פאר אונזער רוחניות'דיגער און גשמיות'דיגער טובה, און אז שמירת עינים איז א תועלת סיי פאר דער נשמה און סיי פאר'ן גוף.

מיר טרעפן אין די קדמונים ביי דעם איסור פון טמא'נע חיות, אז איינער פון די טעמים פארוואס די תורה הק' האט זיי גע'אסר'ט איז צוליב וואס זיי זענען נישט געזונט, און דער איבערשטער האט אונז געוואלט באהיטן פון די זאכן וואס קענען אונז שעדיגן.

דאס האט זיך ארויסגעשטעלט יעצט, ווען ס'איז באקאנט געווארן אז דער ווירוס האט זיך אנגעהויבן פון דעם וואס די כינעזן גוים האבן געגעסן פארשידענע שרצים, ווי שלאנג און פלעדערמויזן, און פון דארט האט זיך די מחלה פארשפרייט אין כינע און שפעטער איבער דער גאנצער וועלט ה"י.

גלייך ווי שמירת הפה פון מאכלות אסורות איז אויך שמירת עינים, ס'מאכט קראנק דעם מענטש'נס גוף און דעם מענטש'נס נשמה. און דעריבער האט אונז דער רבש"ע ברוב רחמיו געהייסן זיך דערווייטערן פון דעם "ווירוס" - אונז צו האלטן געזונט און אפגעזונדערט פון אלע שעדליכע זאכן!

(-)

## עטליכע שעה אויף די גאסן אין בני ברק
ס'פארציילט **הרה"ג ר' אליהו גודלבסקי שליט"א**, א חשוב'ע משפיע אין ארץ ישראל:

איך בין אמאל געווען אויף א שבת אין גליל, און נאך שבת האב איך גענומען א היימישן קאר סערוויס אהיים קיין בני ברק. נו, וואס טוען צוויי אידן אז מ'פארט אינאיינעם אויפ'ן וועג? האבן מיר געשמועסט פון עניני התחזקות אין עבודת ה'.

אזוי רעדנדיג, האב איך נאכגעזאגט א ברסלבער ווארט, **אז ס'איז כדאי פאר א מענטש אראפצוקומען אויף דער וועלט אויף זיבעציג יאר פאר איין ראיה ווייניגער וואס ער האלט זיך איין און קוקט נישט!** פשט דערפון איז, אז אפילו אויב א מענטש טוט ח"ו עבירות זיין גאנצע לעבן, און וועט ער טאקע באקומען דערויף שווערע עונשים אויף יענער וועלט, אבער די אלע יסורים וועלן זיך סוף כל סוף ענדיגן. אבער די איין ראיה וואס ער האט נישט געקוקט, אויף דעם וועט ער באקומען שכר לנצח נצחים, אזוי אז ס'איז אלעס כדאי געווען פאר דער איין ראיה.

עטליכע שעה נאכ'ן אנקומען אהיים, האב איך באמערקט ווי ס'פעלן מיר געוויסע חפצים. קלערנדיג אז אפשר האב איך זיי איבערגעלאזט ביי יענעם אין קאר, רוף איך אן דעם קאר סערוויס, און איך פרעג אים צי ער האט אפשר געזען מיינע זאכן און צי ער איז נאך אין בני ברק איך זאל זיי קענען אפנעמען פון אים.

>>> המשך אויף זייט 3

## מי כעמך ישראל
### שנת תש"פ:
# אויפגעגעבן א דירה צוליב שמירת עינים!

מיין טאטע שליט"א האט לעצטנס חתונה געמאכט א קינד קיין בארא פארק, און איך האב מיטגעהאלטן א מורא'דיגע זאך וואס דאס איז מיר אריין אין די ביינער ווי ווייט מ'דארף אכטונג פון נסיונות אין שמירת עינים, אפילו עס קאסט א טייערן פרייז בגוף ובממון.

צווישן אלע הכנות צו דער חתונה איז פארשטייט זיך דאס טרעפן א דירה און עס אויסרישן פאר'ן פארפאלק. ב"ה מ'האט געטראפן עפעס וואס האט אויסגעזען פאסיג, און מ'האט זיך גענומען איינרישן די דירה, און אנגעהויבן צאלן רענט. אויך האט מען געדאפט איבערמאכן די קוך און מ'איז געזעצן אסאך שעות צו מסדר זיין די פלענער אא"וו.

שטייענדיג עטליכע וואכן פאר דער חתונה, איז איין נאכט דער מחותן געגאנגען באטראכטן די דירה. זיך דרייענדיג אינעווייניג אין דער הויז איז אים נישט גוט געווארן, זעענדיג ווי דער פענסטער קוקט ארויס גראד צו דער גוי'אישער הויז קעגניבער וואו ס'ארבעט א גרויסע טעלעוויזע. דער מחותן האט גלייך אנגערופן מיין טאטע פארציילן וואס ער האט געזען, און מיין טאטע איז געווארן שטארק אנטויש. כאטש ער איז שוין געווען עטליכע מאל אין דער דירה, האט ער דאס קיינמאל נישט אין אכט גענומען, היות ער איז אלץ געווען דארט נאר בייטאג.

מ'דארף נישט מסביר זיין וואס דאס מיינט, מ'שטייט אזוי נאנט צו דער חתונה און מ'האט שוין אריינגעלייגט אין דער דירה עטליכע טויזנט דאלער. אבער מיין טאטע מיטן מחותן האבן מחליט געווען אז מ'לאזט זיך ארויס פונעם געשעפט. מ'האט אפגעזאגט די דירה און אנגעפאנגען פון אל"ף זוכן א נייע; א בית נאמן וואו דער נייער פארפאלק זאל קענען אויפשטעלן א שטוב בקדושה ובטהרה.

ממש נאנט צו די חתונה האט מען ב"ה געטראפן אן אנדערער, קלענערער דירה, אבער יעדער איז צופרידן וויסנדיג אז מען האט געטון דעם רצון ה', און דאס וועט אודאי זיין א סגולה און שמירה פאר די נייע פארפאלק אז די שכינה זאל ריען אין זייער נייער געצעלט.

(-)


הוצאות
**טהור עינים**
Cong. Tahor Eineyim | 802.327.3592
1 Karlsburg Rd. #203 Monroe NY 10950

פאר נדבות, הערות, רופט:
**802.327.3592**
*נשמח לשמוע הערות

צו מנדב זיין אין **לאנדאן** רופט:
**447966658159**

צו מפרסם זיין א מעשה רופט:
**845.206.9879**
אדער שיקט אויף פאסט צום מערכת



## על הטוב יזכר
**כל הנדבנים החשובים**
שנדבו רוחם לתרום סכום הגון מידי חודש בחדשו, וגם אלו שנתנו נדבת לבם בעילום שם
**ובס"ה נדבו זכות האדיר של 8,000 גליונות**
~
**זכות 3,600 גליונות**
נתנדב ע"י
מוה"ר **שלמה ניישטאדט** הי"ו
**לברכה והצלחה בכל עינים**
~
**זכות 3,000 גליונות**
נתנדב לע"נ הרה"ק רבי **ישעי' ב"ר משה מקערעסטיר** זי"ע - ולע"נ הרה"ק רבי **חיים זאנוויל ב"ר משה מריבניץ** זי"ע

**ואלו שקנו זכות 1,000 גליונות:**
הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו
**לברכה והצלחה בכל עינים**
מוה"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו
**לע"נ הרה"ק ר' אלימלך בן הרה"ק אליעזר ליפמאן זי"ע - כ"א אדר**
הר"ר **בערל טרעגער** הי"ו
**לברכה והצלחה בכל עינים**



**כל הזכויות שמורות**
הרשות נתונה לצלם הגליון כמות שהוא על מנת לזכות הרבים, אבל אסור להעתיק ממנה קטעים בלי רשות המערכת

**צו העלפן אויסטיילן דעם גליון פארבינדט אייך מיטן מערכת**